ענין וואס מ'פיקס אן עדה קדושה אין ירושלים העתיקה, און אן עדה קדושה אין צפת עיה"ק, אויף צו מחזק זיין דעם מצב הרוחני דארטן, וואס ווי גוט ס'זאל נאר זיין, איז אלעמאל דא א מקום להוספה בזה, ווארום וויבאלד אז רוחניות איז דאך פארבונדן מיטן אויבערשטן, וואס ער איז דאך א"ס, דערפאר איז דער ציווי פון "מעלין בקודש" (ברכות כח, א) אפי' בנוגע צו א צדיק גמור;

ועד"ז אויך מחזק זיין דעם מצב הגשמי דארטן, וכידוע דער פתגם פון בעל ההילולא אז די גשמיות פון א צווייטן אידן איז דאס ביי אים רוחניות, עאכו"כ ווען ס'רעדט זיך וועגן אה"ק, וואס אוירה טהור וגושה טהור (גיטין ה, ב) - אפי' דער "גוש" (די חומריות) איז אויך טהור, איז דאך זיכער נוגע דער הידור בנוגע צו גשמיות כפשוטו, בכל האופנים האפשריים.

בקשר להמנהג צו מסיים זיין א מסכת - איז מתאים לכל הענינים האמורים לעיל דער סיום פון די מסכת וואס דארטן רעדט זיך וועגן ביידע ענינים: די חביבות פון אה"ק, וגודל הענין פון עלי' לאה"ק; ולאידך, די חביבות פון אויפטאן אין בבל (אין חו"ל), ביז אז מ'זאגט "כל העולה מבבל לא"י עובר בעשה" (כתובות קי, סע"ב), וואס אע"פ אז די גמ' נוצט דערביי דעם לשון "העולה", אעפ"כ זאגט מען אבער אז "עובר בעשה". וואס דאס איז דער סיום פון מס' כתובות.

וואס דערפאר איז בקשר להמדובר לעיל, ובמיוחד בקשר מיט דעם וואס ס'פארט אן עדה קדושה - שלוחו של אדם כמותו - אין ירושלים העתיקה, און אן עדה קדושה - שלוחו של אדם כמותו - אין צפת עיה"ק, איז מתאים לזה דער סיום אויף מס' כתובות, און אין רמב"ם בקשר לזה (אע"פ וואס מ'האט שוין אמאל געמאכט א סיום אויף די מסכת, איז דאס אבער געווען אין אנדערע ענינים).

אע"פ אז דאס איז ניט דער סיום מכש (די לעצטע שורות) - איז דאס אבער פארבונדן מיט די לעצטע שורות, וואס דארטן ברענגט זיך אראפ דער פסוק "כי רצו עבדיך את אבני' ואת עפרה יחוננו" (תהלים קב, טו), וואס דערפאר איז "ר' אבא מנשק כיפי דעכו" אפילו בזמן הגלות.

(הסיום דמס' כהובות י"ל בלקו"ש מסעי ש.ז.).

(בסוף הסיום אמר:) כהנ"ל איז בהמשך להאמור לעיל בנוגע צו די עדה קדושה וואס פארן אין ירושלים העתיקה, און די עדה קדושה וואס פארן אין צפת עיה"ק.

ויה"ר אז ס'זאל זיין די עלי' ברוחניות ובגשמיות גם יחד, און דער עיקר איז אז ס'וועט זיין (ווי יעדער איד האפט) דער ענין פון "ואהבת לרעך כמוך" - משפיע זיין אין הידוק המצב הגשמי והרוחני דארטן.

ועאכו"כ אז ניט נאר אז דא וועט ניט פעלן ע"י עלייתם, נאר אדרבה: דאס גופא וועט מעודד זיין און מחזק זיין און מאנען ביי די וואס ווארטן דא אויך משיח, אז זיי זאלן מאכן דא א"י, בלשון המאירי (בסיום כתובות - הובא בדפיוב) דורך "חכמה ויראת חטא", ובשמחה וטוב לבב.

ד. מ'האט דאך גערעדט פריער בארוכה אז דער בעל ההילולא האט אלעמאל מדגיש געווען דעם ענין פון "המעשה הוא העיקר" (אבות פ"א מי"ז), אדער בלשון הרגיל אין די שיחות פון בעל ההילולא (סה"מ תש"י ע' 189) אז פון יעדער ענין דארף זיין א "בכן".

וואס בנוגע צו דעם ענין פון לימוד התורה, איז דער "בכן" דערפון - דער אופן הלימוד פון "לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא", כמבואר אין

- קונטרס -



הנחה הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 460 הודפס ע"י אוצר החכמה